בעזהשי"ת

# דער הייליגער ייטב לב זי"ע




**יו"ל ע"י תלמידי ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר בני ברק**

---

**לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע**

**ו' אלול תרמ"ג - ו' אלול תשע"א**

איינמאל איז צום הייליגן ייטב לב זי"ע געקומען א איד פון דארף "קאפאניע" וואס איז נעבן סיגעט, און ער האט זיך באקלאגט פאר'ן ייטב לב, ער האט שוין יארן א קרעטשמע, ווי ער מאכט אליין בארנפן, פון וואס ער איז רייך געווארן, אבער לעצטנס איז איהם דער גלח שטארק מקנא, ער האט פאר קנאה געפרעדיגט אין זייער "תיפלה" אנטקעגן אידן, ער האט פארבאטן אלע גויים אז זיי טארן מער נישט טרינקען בראנפן!. די פויערן האבן געפאלגט דעם גלח, און האבן אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן, אזוי איז דעם איד'ס געשעפט געווארן ליידיג פון מענטשן.

זיין ווייב האט נישט נאכגעלאזט און האט איהם געבעטן אריבער גיין צום ייטב לב זי"ע, אפשר וועט ער דיר קענען העלפן, מיט זיינע תפילות?




פון אנפאנג האט דער קרעטשמער ניטש געוואלט גיין צום ייטב לב, ווייל ער האט נישט געגלייבט אין צדיקים, אבער ווען זי האט איהם געבעטן אפאר מאל איז ער ענדליך געגאנגען צום ייטב לב.

ווען ער איז אריין צום ייטב לב, און איהם פארציילט זיין מצב, האט איהם דער ייטב לב געזאגט "דו זאגסט דאך בורא נפשות! האסטו נישט וואס מורא צו האבן, ווייל די ערלים וועלן צו דיר קומען". דער קרעטשמער האט נישט פארשטאנען די ווערטער פונעם ייטב לב, ער איז פון דארטן אהיים מיט א צובראכן הארץ, נאכדעם האט אין דארף אויסגעבראכן א שווערע מגיפה, ווי אסאך פויערן זענען געשטארבן, און א טייל זענען געלעגן שטארק קראנק, מען האט אראפ געברענגט גרויסע דאקטורים צו

דערגיין וואס האט געברענגט די שווערע מגיפה.

נאך די פארשונגען, זענען זיי געקומען צו די החלטה, אז די פויערן זענען פארשמירט און זענען שמוציג, דעריבער האט זיך אין זיי אנגעקלעבט די מגיפה!

אבער ס'איז דא צו דעם א רפואה, אויב זיי וועלן טרינקען בראנפן, ווייל די בראנפן רייניגט און פארברענט אלע קרענק.

די רעגירונג האט נאכגעפארשט פארוואס די פויערן פון דארף האבן לעצטנס אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן? ווען זיי זענען געוואויר געווארן, אז דאס איז געווען די ארבעט פונעם גלח וואס ער האט זיי פארבאטן צו טרינקען בראנפן האבן זיי באפוילן, מען זאל דעם גלח איינשפארן אין תפיסה, מען האט דעם גלח גע'משפט, ווי ער האט באקומען א שווערע שטראף.




די פויערן האבן נאכדעם אנגעהויבן ווייטער צו טרינקען בראנפן, ביים קרעטשמער, ווען דער קרעטשמער האט געזעהן די אלע מופתים, איז ער געקומען צום ייטב לב זיך באדאנקען, פאר די גרויסע ישועה וואס איז געקומען דורך איהם, דער קרעטשמער האט געפרעגט דעם ייטב לב, איין זאך וואס איך פארשטיי נישט, וואס האט צוטוהן בורא נפשות, מיט די פויערן?

האט איהם דער ייטב לב געגעבן צו פארשטיין, מיר זאגן "בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי", איז דאך שווער, מען הייבט אן מיט א לשון רבים

"נפשות" און מען ענדיגט די ברכה מיט א לשון יחיד "נפש"?

נאר די כוונה פון "בורא נפשות רבות" איז ווי רש"י זאגט אין פרשת ויגש, אז ביי יעקב אבינו שטייט שבעים "נפש" ווייל זיי האבן געדינט איין באשעפער, אבער ביי עשו שטייט "נפשות" ווייל זיי האבן געדינט צו מערערע אפגעטער. מיט דעם קען מען טייטשן "בורא נפשות רבות" דאס וואס דער באשעפער האט באשאפן די גוים וואס הייסט "רבות", "וחסרונן", פארוואס האט ער זיי באשאפן? און צו וואס פעלן זיי אויס?




אויף דעם קומט דער תירוץ – "על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי", אז דורך זיי זאלן די אידן וואס ווערן אנגערופן "נפש", האבן פרנסה, קומט אויס, אז אויב די גוים ווילן נישט געבן פרנסה פאר'ן איד, פעלן דאך די גוים נישט אויס!

אזוי ווי די פויערן האבן מער נישט געקויפט ביי דיר די בראנפן, דארפן זיי לכאורה שוין נישט לעבן? און יעצט אז זיי קויפן שוין ווייטער ביי דיר די בראנפן, קענען זיי שוין לעבן, און דערפאר איז געקומען די ישועה פון הימל.




לטובת נשמת

מרן הגה"ק רבי **יקותיאל יהודה טייטלבוים**

בן מרן הגה"ק רבי **אלעזר ניסן** זי"ע

נלב"ע ביום ו' אלול שנת תרמ"ג לפ"ק

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו ימליץ טוב בעדינו

# מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

ווער האט אנגעוואונטשן פאר'ן ישמח משה אז פון דעם זיווג וועט ארויסקומען דורי דורות מנהיגי ישראל וואס וועלן באלייכטן די וועלט ביז משיח'ס טאג?

- ❑ דער חוזה פון לובלין
- ❑ דער רבי ר' מענדעלע פון רימאנוב
- ❑ דער רבי ר' הערשעלע פון רימאנוב

פאר וועמענס חתונה האט ער עס אנגעוואונטשן (ביי די ארימע חתונה פון איינעם פון די ישמח משה'ס אייניקלעך)?

- ❑ קדושת יום טוב
- ❑ ייטב לב
- ❑ רבי שמואל גארליצער

ביי וועלכע פון אונזערע רבי'ס איז געווען די מעשה אז דריי דורות האבן געזאגט תורה אלס "לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך"?

- ❑ ישמח משה, רבי אלעזר ניסן, רבי שמואל גארליצער
- ❑ ייטב לב, קדושת יום טוב, עצי חיים
- ❑ ישמח משה, רבי אלעזר ניסן, ייטב לב

# מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

נאך וועמען האט דער ייטב לב געגעבן א נאמען פאר זיין ספר "ייטב לב" און "ייטב פנים"?

- ❑ **נאך זיין טאטנ'ס נאמען** (רבי אלעזר ניסן זצ"ל)
- ❑ **נאך זיין נאמען** (רבי יקותיאל יהודה זצ"ל)
- ❑ **נאך זיין זיידעס נאמען** (רבי משה זצ"ל)

וואו איז עס מרומז אין די נאמען "ייטב" לב און "ייטב" פנים?

י ________ י ________ ט ________ ב ________

ווער האט געמאכט דער ספר "שאלות ותשובות אבני צדק"?

- ❑ **דער קדושת יום טוב**
- ❑ **דער ייטב לב**
- ❑ **דער ישמח משה**

ווער האט געמאכט דער ספר "רב טוב"?

- ❑ **דער קדושת יום טוב**
- ❑ **דער ייטב לב**
- ❑ **דער ישמח משה**

# מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

נאך וועמען הייסט די ספר "רב טוב" ?

- ❑ נאך די ישמח משה'ס מאמע (הרבנית חנה ע"ה)
- ❑ נאך די ייטב לב'ס מאמע (הרבנית רויזא בלומא ע"ה)
- ❑ נאך די קדושת יום טוב'ס מאמע (הרבנית רחל ע"ה)

וואו איז עס מרומז אין די נאמען "רב טוב" ?

ראשי תיבות: ר ______ ב ______ ט ______ ב ______

ווער פון אונזערע רבי'ס זענען געווען רב אין די שטאט סיגעט?

- ❑ ייטב לב, קדושת יו"ט, עצי חיים, דברי יואל, ברך משה.
- ❑ רבי אלעזר ניסן, ייטב לב, קדושת יום טוב, עצי חיים, רבי זלמן לייב (בן מרן העצי חיים), רבינו בעל ברך משה.
- ❑ ישמח משה, ייטב לב, עצי חיים, דברי יואל, ברך משה.

ווער האט געזאגט אז מ'זאל שרייבן אויף זיין קבר העמיד תלמידים הגונים וישרים?

- ❑ דער ישמח משה
- ❑ רבי אלעזר ניסן
- ❑ דער ייטב לב

## נוסח המציבה

**פ"נ הרב המפורסם, נודע בשערים, העמיד תלמידים, הגונים וישרים, השאיר אחריו ברכה חבורים יקרים ה"ה ס' ייטב לב, וס' ייטב פנים, וס' שו"ת אבני צדק וס' רב טוב, שימש פק"ק בכתר הרבנות חמשה ועשרים שנים, מורינו ורבינו יקותיאל יודא טט"ב זצללה"ה בהגאוה"מ' אלעזר ניסן צדיק כתמ"ר יפרח אבד"ק דרוהביטש ביום השביעי נתעלה ועלה השמימה ו' לחודש אלול תרמ"ג לפ"ק תנצב"ה**

מרן רבינו בעל ברך משה האט אמאל ארום גערעדט (בחנוכת הבית לביהמ"ד יטב לב קליימער סט. זאת חנוכה תשל"ט לפ"ק) איבער דעם נוסח המציבה, און מיר וועלן דא אראפ ברענגען לשון קדשו:

כ'האב מיך אסאך מאל מתבונן געווען דער ייטב לב האט געהייסן פאר'ן הסתלקות ער האט מורא געהאט אז מען וועט אויף איהם שרייבן אויף די מצבה ווי געווענליך גרויסע טיטלען וואו אויף א אדם גדול, ער האט דאס פארשטאנען, ער האט דאס נישט געוואלט, האט ער זיך מיישב געווען, ער האט געזאגט אז ער וועט זיך אליין מאכן די מצבה, דעם נוסח וואס מען זאל אויפשרייבן אויף די מצבה, און בשעת מעשה האט ער געזאגט אויך יעדע זאך פארוואס ער טוט עס, ער האט אנגעהויבן צו שרייבן, חיבר חיבורים יקרים, "הרב המפורסם" האט ער געזאגט ער איז מפורסם ער האט נישט געוואלט שרייבן הגאון הצדיק, דאס איז ער נישט, מפורסם דאס איז ער, נודע בשערים צום סוף האט ער געשריבן "העמיד תלמידים הגונים", ער האט אויפגעשטעלט תלמידים הגונים וישרים, האב איך מיך אייביג גע'חידוש'ט ער האט נישט געוואלט האבן קיין שבח, וואס האט ער ארויס געשריבן העמיד תלמידים הגונים, צו וואס האט ער דאס געדארפט אויפשרייבן, מילא די ספרים איז נאך גרינגער צו פארשטיין, עס איז עפעס א ענין אז מען זאל וויסן ווייל עס האט דאך צוטאן מיט לעתיד לבא מיט עוה"ב עס שטייט אגורה באהלך עולמים, מען לערנט אין די ספרים, האט ער געהאלטן אז עס איז טובה פאר זיך, האט ער געשריבן אז די ספרים זענען פיין, אז מען זאל קענען אריינקוקן אין זיי, אבער העמיד תלמידים צו וואס האט ער דאס געשריבן, האב איך אינזין געהאט, איך האב נאך געהאט די זכיה צו קענען אסאך תלמידים פון ייטב לב און די אונגארישע אידן האבן דאס געוואוסט אין יעדע שטאט, אין יעדע שטעטעל ווי עס געווען א תלמיד פון זיידן פון ייטב לב, צו איז ער געווען א רב צו איז ער געווען א דיין צו א שוחט צי א בעה"ב איז געווען כולו אומר כבוד, מען האט געוואוסט אז דער איד איז אן ערליכער איד, וואס איז קובע עתים לתורה, אז ער איז געווען א בעה"ב אין אז ער איז א בעל צדקה, און ער האט מסינ"פ פאר יעדן מנהג, און צו דעם אלעמען איז ער מלא מדות טובות וישרות, מען האט געוואוסט אז דער איד איז א מענטש וואס מען קען עם געטרויען געלט אומגעציילט, מען האט געוואסט אז דער איד וועט נישט צונעמען יענעמ'ס ער וועט נישט פוגע זיין יענעם, נישט בממון נישט בנפש און נישט בכבוד, מ'האט געוואוסט אז דער איז א תלמיד פונעם ייט"ל, און אזוי זענען געווען די תלמידים פון זיידן ז"ל דער קדויר"ט מען האט געוואוסט דאס איז אידן וואס האבן מקבל געווען די ריכטיגע קבלה מען האט אויף זייך דאס געזען, דער זיידע ז"ל האט דעמאלטס געזאגט פארדעם האט ער געהייסן שרייבן העמיד תלמידים הגונים, האט ער געשריבן "ולא אבוש עם תלמידי" איך וועל מיך נישט שעמען מיט מיינע תלמידים לא בזה ולא בבא, שפעטער ווען איך האב געזען די תלמידים האט זיך מיר געדאכט אז דער זיידע ז"ל האט די תלמידים צוגעבינדן זיי האבן געוואוסט וואספארא השגחה ער האט אויף זיי געהאט ווען ער איז געווען בעוה"ז, דער זיידע ז"ל האט געפירט א ישיבה אזוי פיל יארן און עס זענען געווען הונדערטער תלמידים, עס האט זיך קיינמאל ח"ו נישט געטראפן אז א בחור אין סיגעט זאל עפעס פאסירן און ער זאל אוועקגיין פון דעם עולם, מען זעט ביי כמה גדולים מי לנו גדול מהחת"ם מען זעט ער איז מספיד יונגע בחורים וואס זענען אוועק, דער זיידע ז"ל האט זיך בארימט דערמיט עס האט נישט פאסירט אזאנס ח"ו, ער האט אויפגעפאסט אויף די בחורים בזה, און ער האט געוואלט זיי זאלן וויסן אז ער וועט אויפפאסן אויף זיי בבא, און מיט דעם וואס ער האט געשריבן העמיד תלמידים הגונים און ער האט געזאגט ולא אבוש עם תלמידי בזה ובבא האט יעדער פון זיי געפילט אז בזה האט ער געזען דעם ייט"ל און ער דארף זיך מיט עם טרעפן בבא, און ער מוז זיך פירן אזוי אז דער ייט"ל זאל זיך טאקע נישט שעמען מיט איהם אויפן עולם האמת.